# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**5:35**
מוצאי שבת קודש............**7:06**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................אסתר ז'
בבלי.......................מנחות נ"ה
ירושלמי.....................גיטין מ"ו
תוספתא.............מעשר שני ב'
רמב"ם.............תלמוד תורה ד'

פרשת תשא, פרשת פרה, י"ח אדר, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 23 (741)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"א), דִי וֶוערְטֶער ר'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי", אוּן פַארְקֶערְט זָאגְט דֶער פָּסוּק (שְׁמוּאֵל-א ב', ט') רְ'שָׁעִים בַּ'חֹשֶׁךְ יִ'דָּמּוּ, וָואס אִיז אוֹיךְ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי".

וֶוען אַ אִיד גֵייט צוּ אַ צַדִיק, אַ רֶבִּי, אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען דֶעם צִיל פַארְוָואס עֶר גֵייט אַהִין, דָאס אִיז אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִים בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִיקִים, אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ רֶבִּי קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק פַאר זִיךְ אַלֵיין, נָאר אוֹיבּ דֶער רֶבִּי קֶען אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוֹיבּ וֶוען מֶען גֵייט צוּ דֶעם רֶבִּי וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן זִיךְ פִירְן מֶער עֶרְלִיךְ אוּן וואוּיל, דֶער רֶבִּי קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז וָואס זֵיי לִיגְן אוּן זֵיי מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, צוּ אַזַא רֶבִּי לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק **כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט יֶעדְן אִיד, זִיךְ גֶעזָארְגְט פַאר אַלֶע אִידְן, אוּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, הָאט עֶר זֵיי נִישְׁט מְרַחֵק גֶעוֶוען אוּן פַארְטְרִיבְּן פוּן זִיךְ, נָאר עֶר הָאט אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר זֵיי, זֵיי מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען, אוּן צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, אַז עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זַיין אֱמֶת'דִיג דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווִידֶער אִיז דָא אַ צְוֵוייטֶע סָארְט רֶבִּי, וָואס אִיז בֶּאֱמֶת אַן עֶרְלִיכֶער אוּן הֵיילִיגֶער אִיד, עֶר אִיז דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט דֶעם כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיךְ זַיינֶע מְקוּרָבִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק **רְשָׁעִים בַּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ**, אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַלֵיין נָאר פוּן זַיינֶע מְקוּרָבִים, זֵיי בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, חֲשֵׁכוּת, אוּן דִמְיוֹנוֹת, זֵיי בְּלַייבְּן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט דֶעם כֹּחַ זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל'), עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן אַז זֵיי דַארְפְן נִישְׁט גֵיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, פַאר זֵיי אִיז גֶענוּג צוּ גֵיין צוּ אַ חָשׁוּבְן אִיד, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד, "הַלְוַאי זָאל אִיךְ קוֹדֶם זַיין כָּאטְשׁ אַזוֹי וִוי אִים"; דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ זָאל זָאגְן, "אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי שְׁוֶוער קְרַאנְק, דַארְף אִיךְ נִישְׁט גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן דָאקְטָאר, אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, הַלְוַאי זָאל אִיךְ כָּאטְשׁ זַיין אַזוֹי גֶעזוּנְט וִוי אִים"... יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ אַזוֹי צוּ זָאגְן, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, וִוי מֶער קְרַאנְק אַ מֶענְטְשׁ אִיז, לֹא עָלֵינוּ, דַארְף עֶר זוּכְן אַ גְרֶעסֶערְן דָאקְטָאר וָואס זָאל אִים קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן.

אַ רֶבִּי אִיז אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶער דָאקְטָאר, וֶוען אַ אִיד גֵייט צוּ אַ רֶבִּי דַארְף דֶער רֶבִּי אוֹיסְהֵיילְן זַיינֶע רוּחְנִיוּת'דִיגֶע קְרֶענְק, עֶר דַארְף הָאבְּן דֶעם וֶועג אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אוּן תַּאֲווֹת אִין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט, אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ וַוייסְט אַז עֶר אִיז קְרַאנְק בְּרוּחְנִיוּת, דַארְף עֶר זוּכְן אַ גְרוֹיסְן רוּחְנִיוּת'דִיגְן דָאקְטָאר, וָואס קֶען אִים בֶּאֱמֶת אוֹיסְהֵיילְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל כִּי תִשָּׂא תש"ס)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### פָּרָה אֲדוּמָּה

וִויסְן זָאלְסְטוּ, הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא דִי 'אֵפֶר פָּרָה', דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נה), וָואס אִיז דִי סוֹד פוּן אֵפֶר פָּרָה? דִי סוֹד אִיז תְּפִילָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ יד, ג): "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ", דוּרְךְ נִיצְן דִי לִיפְּן נָאר פַאר תְּפִילָה, שָׁאקְלֶען דִי לִיפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט כְּאִילוּ מִיר מַאכְן דִי 'פָּרָה אֲדוּמָּה' אוּן מֶען וֶוערְט רֵיין פוּן אַלֶע טוּמְאוֹת; אוּן מִיט תְּפִילָה וֶועט מָשִׁיחַ אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, מֶען זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מָשִׁיחַ אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת פוּן מֵשִׂיחַ אִילְמִים, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט וֶוערְן אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט רֶעדְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר חֲלִישַׁת הַדַעַת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִידוּשׁ, יֶעצְט שַׁיינְסְטוּ אוּן לַייכְסְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, דַיְקָא יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז חוֹשֶׁךְ אֲפֵילָה, אַלֶעס אִיז טוּנְקְל, אַלֶעס אִיז קַאלְט, אוֹיסְגֶעלָאשְׁן וְכוּ', אוּן דוּ גֵייסְט אָן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵׁם, יֶעצְט שָׁאקְלְסְטוּ אַלֶע הִימְלֶען.

עֶס אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דֶעם אַז מִיר זֶענֶען בְּרֶסְלֶבִ'עֶ חֲסִידִים דַארְפְן מִיר קֶענֶען אָנְגֵיין אִין דִי טְרוּקֶענֶע טֶעג, אִין דִי קַאלְטֶע טֶעג, אִין דִי טֶעג וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט, וֶוען מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט אוּן וֶוען מֶען פַאלְט הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דַארְף מֶען זִיךְ אָנְהַאלְטְן אִין רֶבִּי'ן, אַפִילוּ זוּכְן דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת, אַרוֹיסְכַאפְּן אַפָּאר טְרוּקֶענֶע דִיבּוּרִים, נִישְׁט וַוארְטְן צוּ הָאבְּן דִי הַארְץ... נָאר טוּן לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ"ו)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וֶועֶר אִיז מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שַׁבָּת פָּרָה, י"ז אָדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִּיקִים, אַז דִי וָואךְ פוּן שַׁבָּת פַּרְשַׁת פָּרָה אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּ צַדִּיקִים, וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל וָואס גְרֵייט אָן דִי אֵפֶר פָּרָה אוּן רֵיינִיגְט נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן אַזוֹי וִוי בַּיים בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם כֹּהֵן, דֶער כֹּהֵן הָאט גֶענוּמֶען דֶעם אִישׁ טָמֵא אוּן אִים אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוּן רֵיין גֶעמַאכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ טוּעֶן דִי צַדִּיקִים, זֵיי רֵיינִיגְן נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, בַּיים צַדִּיק אִיז דָא דִי 'אֵפֶר פָּרָה', בַּיים צַדִּיק קֶען מֶען זִיךְ מְטַהֵר זַיין.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַ אִיד מוּז הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וֶועם מֶען פְרֶעגְט וִוי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן אַ דַיָּין וֶועם מֶען פְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת, אִיז יֶעצְט בַּיים לֵיינֶען פַּרְשַׁת פָּרָה זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען: 'וֶוער אִיז מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ? וֶוער וַוייזְט מִיר וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג?' אָן אַ צַדִּיק קֶען מֶען וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ, אַז מֶען גֵייט נָאךְ חֲבֵרִים, שְׁכֵנִים, מֶען גֵייט נָאךְ דִי וִוינְט וָואס בְּלָאזְט – קֶען מֶען פַארְקְרִיכְן פוּן דִי תּוֹרָה; יֶעצְט שַׁבָּת פָּרָה זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען צוּ נֶעמֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ דַיָּין, אַ רָב – וָואס אִים וֶועסְטוּ פְרֶעגְן דַיינֶע פְרַאגֶעס, דַיינֶע סְפֵיקוֹת, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דָאס אַרַיינְבַּאקְן אִין דַיינֶע קִינְדֶער, בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן וָואס דִיר אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי וָואךְ צוּ פְרֶעגְן אָדֶער הֶערְן, דָאס זָאל זַיין דִי שְׁמוּעֶסְן בַּיי דַיינֶע שַׁבָּת סְעוּדוֹת: "דֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹי", אוּן "דֶער דַיָּין הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹי"; גֶעב אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס זָאל זֵיי זַיין אִין זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער אַז כְּדֵי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ – מוּז מֶען הָאבְּן אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תִשָּׂא תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

יא. יִשְׁמֹר אָדָם אֶת פִּיו מִלּוֹמַר: 'אֶעֱשֶׂה הָעֲבֵרָה הַזֹּאת', אֲפִלּוּ בְּדֶרֶךְ לֵיצָנוּת, כִּי דִּבּוּרוֹ מַכְרִיחַ אוֹתוֹ לְמַעֲשֶׂה. מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרוֹיסְצוּזָאגְן פוּן מוֹיל 'אִיךְ גֵיי טוּן דִי עֲבֵירָה', אֲפִילוּ מֶען זָאגְט עֶס נָאר פַאר אַ וִויץ, מֶען מֵיינְט עֶס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג, וַוייל דָאס אַרוֹיסְזָאגְן פוּן מוֹיל וֶועט אִים צְווִינְגֶען עֶס צוּ טוּן, חַס וְשָׁלוֹם.

יב. כָּל הַבּוֹכֶה בַּלַּיְלָה, קוֹלוֹ נִשְׁמָע, וְכוֹכָבִים וּמַזָּלוֹת בּוֹכִין עִמּוֹ. וֶוער עֶס וֵויינְט בַּיינַאכְט, וֶוערְט זַיין קוֹל גוּט גֶעהֶערְט, אוּן דִי שְׁטֶערְנְס אוּן מַזָּלוֹת וֵויינֶען מִיט אִים.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אוֹיסֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶע וֶועלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִילָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'", אַלֶע וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת פוּן דֶעם שַׁבָּת וָואס מִיר לֵיינֶען פַּרְשַׁת פָּרָה אֲדוּמָה, צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט גֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע וֵוייטָאג, סְפֶּעצִיעֶל דִי וֵוייטָאג וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַ צַדִּיק אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ אִין דִי טוּמְאָה, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, אוּן מִיט דִי 'אֵפֶר פָּרָה', דוּרְךְ 'תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת' - וֶועסְטוּ וֶוערְן רֵיין פוּן אַלֶע טוּמְאוֹת.

דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה אִיז אַ חָק אָן קַיין טַעַם, שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים אַז דָאס אַלֵיינְס אִיז דִי טָהֳרָה, דָאס גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין דִי תּוֹרָה - דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ; "עַל יְדֵי אֱמוּנָה", מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג).

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען חַזְרְ'ט אֱמוּנָה, מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען זַאכְן גֵייעֶן וִוי מֶען וִויל - וֵוייסְט מֶען אַז דָאס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל אוּן עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט - זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִינְגֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער: "אַז עֶס גוּט - אִיז דָאךְ דוּ, אוּן אַז עֶס אִיז חָלִילָה פַארְקֶערְט - אִיז דָאךְ וַוייטֶער דוּ, אוּן אַז עֶס אִיז דוּ - אִיז דָאס גוּט, אוּן אַז עֶס אִיז גוּט - אִיז דָאךְ וַוייטֶער דוּ, דוּ, דוּ, דוּ"; עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט חַזְרְ'ן אֱמוּנָה, אוּן זִינְג נִיגוּנֵי אֱמוּנָה, זִינְג: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", דוּרְכְדֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר פַארְגֶעבְּן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן דוּ וֶועסְט רֵיין וֶוערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צַדִּיקִים זָאגְן אַז דִי וָואךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת פָּרָה קֶען מֶען זִיךְ מְטַהֵר זַיין, מַאךְ יֶעצְט דַיין גוּטֶע הַחְלָטָה אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע כֵּלִים וָואס פַארְשְׁמִירְן מִיךְ אוּן זֶענֶען מִיךְ מְטַמֵּא".

דִי שַׁבָּת וָואס מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה, וָואס מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ" - אִיז אַ גוּטֶע צַייט דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּאנֵייעֶן, דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה ד, ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה", אַז מֶען נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דִי עוֹל תּוֹרָה, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", רֶעכְן אִיךְ עֶנְק אַזוֹי וִוי אִיר וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט; זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי אִין אַ סֵדֶר אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶּכֶת פֵּאָה; אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט סֵדֶר זְרָעִים אוּן נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן סֵדֶר מוֹעֵד, לֶערְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט סֵדֶר מוֹעֵד, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, גֵיי אַ סֵדֶר נָאךְ אַ סֵדֶר, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אַלֶעס, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן וַוייטֶער לֶערְנֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ עֶס פַארְשְׁטֵיין, וַוייל אַזוֹי גֵייט דִי וֶועג פוּן לֶערְנֶען, אִין אָנְהֵייבּ פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ, נָאר שְׁפֶּעטֶער נָאכְן לֶערְנֶען אַסַאךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג.): "לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבַּר", עֶרְשְׁט זָאל מֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

<<<<<<

>>>>>> מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס, הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, דָאס וֶועט דִיךְ אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז זֵייעֶר וַוייט פַארְזִינְקֶען אִין דִי טוּמְאָה, אֲפִילוּ בַּעֲלֵי רָאַתָן וָואס הָאבְּן אַ שֶׁרֶץ אִין קָאפּ; דָאס זֶענֶען מַחְשָׁבוֹת פוּן נִיאוּף אוּן פוּן כְּפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶע אַמוֹרָא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֶעזָאגְט (כְּתוּבּוֹת עז:): "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אָנְצוּכַאפְּן דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה", דִי תּוֹרָה וֶועט זֵיי אַלֶע אָפְּהִיטְן אוּן זֵיי אָפְּוַואשְׁן בִּיז זֵיי וֶועלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תִּשָּׂא תשפ"ו)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רמב)

**תשצה**

אִין יֶענֶע טֶעג בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מִיט רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע חִידוּשִׁים, אוּן דָאס אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִינֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל תּוֹרָה ט"ו אוּן תּוֹרָה ט"ז פוּנֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִין דִי וָואךְ, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם סֵפֶר.

אֵיין טָאג וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפַּאצִירְט מִיט רֶבִּי נָתָן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, זֶענֶען מֹשֶׁה חִינְקֶעס אוּן אַבְרֶהְמִ'ל פֵּייעֶס, צְוֵויי עֲשִׁירִים אִין בְּרֶסְלֶב וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעהַאלְטְן פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס לַייט, נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאכְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁטַייט, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, דִי וֶועג וָואס הָאט גֶענוּמֶען פַארְ'ן רֶבִּי'ן מִיט רֶבִּי נָתָן אַסַאךְ שָׁעוֹת, הָאט זֵיי נָאר גֶענוּמֶען בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ס"א) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז לְמַעְלָה מִן הַזְּמַן, זֶע דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵוייניג, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט, "דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט פְלַאץ, וָואס מֶען זֶעט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַז אַבְרֶהְמִ'ל אוּן מֹשֶׁה קֶענֶען גֵיין אִין אַ קוּרְצֶע צַייט, וָואס מִיר דַארְפְן גֵיין אִין אַסַאךְ שָׁעָה".

**תשצו**

אֵיינְמָאל אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט צוּ שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע לוּפְט, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט מִיטְגֶענוּמֶען ר' נַפְתָּלִי מִיט רֶבִּי נָתָן, אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גֶעוִויסֶע קְרֶעטְשְׁמֶע, אוּן דָארְט מֶען זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן קֶעז.

ר' נַפְתָּלִי הָאט אוֹיךְ גֶעלִיטְן אוֹיף דִי לוּנְגֶען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי בֵּיידֶע נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן דִי קֶעז, וַוייל דָאס קֶען פַארְעֶרְגֶערְן דִי קְרֶענְק חַס וְשָׁלוֹם, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן אַלֵיין אָן זֵיי, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר ר' נַפְתָּלִי אַז עֶר קֶען עֶסְן דִי קֶעז אוּן עֶס וֶועט אִים נִישְׁט שָׁאטְן, הָאט אִים ר' נַפְתָּלִי גֶעזָאגְט, "דוּ זָאגְסְט מִיר אִיךְ זָאל עֶסְן ? ! וֶוען דֶער רֶבִּי זָאל מִיר הֵייסְן עֶסְן, וֶועל אִיךְ עֶסְן", וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "נַפְתָּלִי; עֶס, עֶס", אוּן ר' נַפְתָּלִי הָאט טַאקֶע גֶעגֶעסְן מִיט רֶבִּי נָתָן.

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק צוּם שְׁטָאט הָאט ר' נַפְתָּלִי גֶעגֶעבְּן אַ הוּס, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "זֶעט אִיר? עֶס אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט דֶער הוּס, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ פְרִיעֶר אָפְּפַּארְטִיגְן פַאר מִיר", מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶר אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַ רְפוּאָה פַאר ר' נַפְתָּלִי דוּרְךְ דִי קֶעז.

שְׁפֶּעטֶער אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה (זֶע שְׁפֶּעטֶער אִין סִימָן תת"א) אוּן דָארְט רֶעדְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען מַמְשִׁיךְ זַיין כּוֹחוֹת פוּן רְפוּאָה אִין יֶעדֶע סָארְט עֶסְנְוַוארְג, זֶע אִינֶעוֵוייניג אִין דִי תּוֹרָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# רֶעדְן צוּ קִינְדֶער קֶעגְן עֶלְטֶערְן ?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גִּלְיוֹנוֹת, שְׁמוּעֶסְן, בְּרִיוו, וָואס זֶענֶען אַזוֹי מְחַזֵק, מַאכְן פְרֵיילִיךְ אוּן פְרִישְׁן אוֹיף דִי נְשָׁמָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן וַוייטֶער אַסַאךְ גֶעזוּנְטֶע לַאנְגֶע יָארְן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אֵיינֶע פוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת אַ שְׁטַארְקֶע גֶעדַאנְק וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶם מַהֲלָךְ אִין מַיין אַרְבֶּעט אַלְס מְלַמֵד, אוּן דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַלֶע זַאכְן פוּן וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן אִין קְלַאס, מִיט וָואס מֶען דַארְף מְחַזֵק זַיין דִי קִינְדֶער, אִין אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"ע, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַמָאל אַלֵיין אוֹיף אַ פַארְוָוארְפֶענֶעם אִינְזְל, אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט וִוי שְׁטַארְק עֶס הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דָארְט דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער אִין קְלַאס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "מַיין טַאטֶע דַאוֶוענְט סְתָּם אַזוֹי נִישְׁט מִיט מִנְיָן, אָן קַיין שׁוּם סְפֶּעצִיעֶלֶע סִיבָּה, אוּן עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין צַעַר פוּן דֶעם", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע סָארְט זַאכְן, אוּן אוֹיךְ נָאךְ קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט עֶפֶּעס עֶנְלִיכְס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וִוי אַזוֹי דַארְף אִיךְ רֶעאַגִירְן אִין אַזַא פַאל ?

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַסַאךְ שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה גֶעזוּנְטֶערְהֵייט עַד בְּלִי דַי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אָדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער אוּן דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמח): "**דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד**", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, "כִּי

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

וֶוען קִינְדֶער הֵייבְּן אָן דֶערְצֵיילְן זַאכְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ' - דָארְף מֶען מִיט חָכְמָה עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אוּן מֶען דַארְף זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וַוייטֶער רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַיין נִזְהָר אִין הֲלָכוֹת; אוּן אַז דוּ רֶעדְסְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי הֲלָכָה אַז מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אוּן דִי קִינְדֶער זָאגְן 'מַיין טַאטֶע דַאווֶענְט אִין שְׁטוּבּ' - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי קֶעגְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, נָאר מִיט חָכְמָה זָאגְן 'דָאס אִיז דִי הֲלָכָה, אוּן עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין', אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן, נִישְׁט קוּקְן קַיין קְלִיפְּס, ווִידִיאָוס, מָאוִויס, סְטֶעטוּס וְכוּ' וְכוּ', אוּן קִינְדֶער פְרֶעגְן דֶעם מְלַמֵּד 'אָבֶּער מַיין טַאטֶע קוּקְט יָא!' - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער קֶעגְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, נָאר מִיט חָכְמָה זֵיי זָאגְן 'אֶפְשָׁר הָאט דַיין טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט אַ רָב?' וְכוּ', אוּן וַוייטֶער רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וָואס אִיז רִיכְטִיג.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת, דָאס אִיז מוּסָר, דָאס אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט מוּסָר, צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ו)

# רעזערוואציעס פאר אומאן ראש השנה תשפ"ז

מיר אלע בענקען יעדן טאג צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויפ'ן קומענדיגן ראש השנה. ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט: "גלייך נאך ראש השנה, לייג איך שוין צו די אויער, און איך הער ווי דער שמש קומט שוין קלאפן צו אויפצושטיין צו סליחות", דער הייליגער רבי האט אויך געזאגט: "נישט נאר איר זענט אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה; נאר די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה".

כאטש מיר האלטן נאך יעצט אין חודש אדר, לויפן אבער די טעג זייער שנעל. די ערשטע זאך וואס מיר דארפן טון איז מתפלל זיין צום אייבערשטן; אן תפילה ארבעט גארנישט. א מענטש קען מאכן פלענער און האבן א קלארן חשבון, אבער אלעס ווענדט זיך אינעם אויבערשטן. מיר דארפן בעטן דעם אויבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו זיין צווישן די צענדליגער טויזנטער אידן וואס קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

צוזאמען מיט תפילה, דארף מען אויך מסדר זיין אן אכסניא אין אומאן, וואו צו עסן און וואו צו שלאפן. כדי דער בנין זאל קענען פונקציאנירן געהעריג און קענען אויפנעמען יעדן איינעם מסודר'דיג, און כדי יעדער זאל קענען פארברענגען און הנאה האבן פון א שיינעם יום טוב אינאיינעם מיט אנשי שלומינו, מיט די ווארעמע תפילות און די זיסע שיעורים און שמועסן פונעם ראש ישיבה שליט"א, און די הערליכע סעודות, דארף מען שוין יעצט רעזערווירן א בעט און נאכפאלגן דעם סדר.

היות עס איז דא א גאר שטארקע נאכפראגע און דער עולם וואס וויל קומען איז פיל גרעסער וויפיל פלאץ עס איז באמת פארהאן, בעטן מיר גאר שטארק מען זאל נישטווארטן ביז די לעצטע מינוט. נאכ'ן דעדליין וועלן אלע איבעריגע פלעצער ווערן אפן פארן ברייטן ציבור, אן קיין שום התחייבות צו די רעזערוואציעס פון די פריערדיגע יארן. ביטע מאכט אייערע ארעינדזשמענטס פריצייטיג כדי צו פארמיידן עגמת נפש.

כדי צו רעזערווירן א בעט אדער צו ארגאניזירן א גרופע פאר א צימער, ביטע רופט ביז ראש חודש ניסן הבעל"ט. אין חוץ לארץ איז געשטעלט דערויף מו"ה מרדכי ראזענבערג הי"ו – 845-825-3550. אין ארץ ישראל קען מען זיך ווענדן צו מו"ה יצחק שמואל פרענקל הי"ו אויף 054-845-6150. און זיי זאגן אז מען וויל רעזערווירן א בעט. ווי געזאגט - ביז ראש חודש ניסן וועט מען אי"ה פרובירן צו האלטן פאר אייך די זעלבע בעט ווי פאראיאר.

ווי געזאגט, איז דא א שטרענגער דעדליין. אלעס מוז זיין אינגאנצן באצאלט ביז ראש חודש סיון. נאך ראש חודש סיון ווערן אלע רעזערוואציעס אפן פאר יעדן איינעם, און מען וועט אנהויבן אקצעפטירן נייע רעזערוואציעס. אזוי אויך מוז אלעס ווערן באצאלט אויף איינמאל, נישט מיט פעימענטס.

די פרייזן פאר די בעטן זענען ווי פאלגנד: ערשטע שטאק – $1,300, צווייטע שטאק – $1,200, דריטע שטאק – $900, פערטע שטאק – $800.

עס זענען דא איבערגעגעבענע עסקנים אין אלע פלעצער דורך וועמען איר קענט באצאלן פאר אייער רעזערוואציע: אין אמעריקע ביי מו"ה מרדכי ראזענבערג הי"ו – 845-825-3550 און מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו – 347-452-1936. אין ארץ ישראל, מו"ה יצחק שמואל פרענקל הי"ו – 054-845-6150. אין ענגלאנד, מו"ה שמחה בלאק הי"ו – 07388-582-855.

פאר סיי וועלכע הערות, אדער אויב איר ווילט האבן דעם זכות ארויסצוהעלפן מיט די הכנות אינעם בנין דורכאויס די וואך פון ראש השנה, ביטע זיך פארבינדן מיט די גבאים.


## חמין במוצאי שבת

פרישע ווארעמס לכבוד מלוה מלכה,
סיפורי צדיקים, יארצייטן, אינטערסאנטע
עפיזאדן און אנעקדאטן, און נאך פיל

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 4, 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **משה וויינבערג** הי"ו קרית יואל
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **שמחה וויינבערג** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **אשר לעמיל זוסמאן** הי"ו קרית ברסלב


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**